# פקודי

## יום הקמת המשכן

**בחודש הראשון** גו' **באחד לחודש** (ניסן) **הוקם המשכן**[1] – אין דעם טאָג פון ראש חודש ניסן איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער משכן (צום ערשטן מאָל).

פון ראש חודש ניסן הויבט מען דאָך אָן צוגרייטן זיך צו חג הפסח, דער יום טוב פון יציאת מצרים. איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס אויפשטעלן דעם משכן האָט אויך אַ פאַרבונד מיט די צוגרייטונגען צום חג הפסח. און ווי מיר זעען, אַז איינע פון די זאַכן וואָס אידן האָבן צוגעגרייט נאָך זייענדיק אין מצרים, איז געווען – בויען דעם משכן.

ווי רש"י ברענגט אַראָפּ אויפן פסוק[2] **"ועשית את הקרשים גו'"**, אַז דער טעם פאַרוואָס עס שטייט "**ה**קרשים" מיט אַ ה"א הידיעה – די באַוואוסטע קרשים – איז דערפאַר וואָס די קרשים זיינען געווען **"מאותן העומדין ומיוחדין לכך"** (די ספּעציעלע קרשים וועלכע זיינען געווען צוגעגרייט דערצו). יעקב אבינו האָט איינגעפלאַנצט "ארזים", טענענביימער אין מצרים, און ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער אָנגעזאָגט זיינע קינדער אַז ווען זיי גייען אַרויס פון מצרים זאָלן זיי מיטנעמען אָט די ארזים-ביימער. ער האָט זיי אויך געזאָגט אַז דער אויבערשטער וועט זיי באַפעלן צו בויען אין מדבר אַ משכן פון "עצי שטים" – "זעט אַז זיי זאָלן זיין אָנגעגרייט אין אייערע הענט".

**איינע פון די זאַכן וואָס אידן האָבן צוגעגרייט נאָך זייענדיק אין מצרים, איז געווען – בויען דעם משכן**

* * *

**ד**י אָפּלערנונג דערפון פאַר אונז: נאָך דעם פסוק[3] "**ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם**" (זיי זאָלן מאַכן פאַר מיר אַ משכן און איך וועל רוען אין זיי) שטייט אין פסוק[4] "**וכן תעשו**" – אַז אַזוי זאָלט איר מאַכן פאַר אַלע דורות, דאָס מיינט אַז די אַלע בתי מקדש וואָס אידן וועלן אַמאָל בויען דאַרפן זיין ענלעך צו דעם משכן.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז פונקט ווי אידן, נאָך זייענדיק אין מצרים, האָבן זיך צוגעגרייט צו בויען דעם משכן נאָך דעם ווי זיי וועלן אַרויסגיין פון מצרים, אַזוי דאַרף מען זיך גרייטן אין דעם איצטיקן גלות, און ספּעציעל אין טאָג פון ראש חודש ניסן (ווען "הוקם המשכן") – צו דעם בנין פון בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן אַרויסגייענדיק פון דעם גלות.

**מען דאַרף זיך גרייטן אין דעם איצטיקן גלות צו דעם בנין בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן**

און די צוגרייטונג צום בית המקדש השלישי איז דורך דעם וואָס נאָך אין דער צייט פון גלות וועלן די עלטערן און די קינדער מאַכן פון זייערע אייגענע היימען – אַ היים אויף וועלכער דער אויבערשטער זאָגט "ושכנתי בתוכם"[5], ער רוט אין דער היים, וויבאַלד דאָס איז אַ היים וואָס פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל, ס'איז אַן אמת אידישע היים[6].

און בשעת די אויפפירונג פון די קינדער, מיט דער גאַנצער משפחה, איז אין אַן אופן אַז זיי מאַכן פון זייער הויז אַ משכן, אַז אויף דער הויז זאָגט דער אויבערשטער "ושכנתי בתוכם" – ווערט דאָס די צוגרייטונג צו "וכן תעשו" – די צוגרייטונג צו דעם בית המקדש השלישי.

(ר"ח ניסן תש"מ)

1) פקודי מ, יז. 2) תרומה כו, טו. 3) תרומה כה, ח. 4) תרומה שם, ט. וראה רש"י שם. 5) כמחז"ל "בתוכו" לא נאמר אלא "בתוכם" – בתוך כאו"א מישראל (ראה ראשית חכמה שער האהבה פרק ו קרוב לתחלתו. אלשיך תרומה עה"פ. של"ה סט, א). 6) ראה בארוכה לקוטי שיחות חלק כו עמוד 414 ואילך. שיחת ש"פ תרומה תשמ"ז. "דער רבי רעדט צו קינדער" – מועדים חלק א עמוד 257 ואילך.